# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב
לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל

## פרשת חיי שרה

# אין די וועגן פון השי"ת

פרנס השבוע

**משפחת וואלהענדלער**

לכבוד שבת התוועדות משפחתנו בסיגעיט יצ"ו

**וְתִפְאֶרֶת בָּנִים אֲבוֹתָם**

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

## צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:

## 347.451.0332

אימעילט: Director@torasavigdor.org

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

**זייט מנדב 5000 תורת אביגדור'ס פאר בלויס $600 א וואך**
רופט שוין 347-451-0332
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט:
732-844-3670 x103

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*

**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת חיי שרה
שנה ג׳

# אין די וועגן פון השי"ת

תוכן:

חלק א. א משפחה פון שפייזערס
חלק ב. א וועלט פון שפייז
חלק ג. די מדה פון שפייזן אנדערע

## חלק א. א משפחה פון שפייזערס

### פלוצלינגדיגע גדלות

ווען די תורה דערציילט פאסירונגען פון אונזערע אבות און אמהות, דארפן מיר אלעמאל געדענקען אז איז עס מיט א ציל. מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו די מעשיות אזוי אז ווען דער בעל קורא לייענט עס אין שול לייגן מיר נישט צו קאפ צו די פרטים. אבער דאס איז א גרויסער טעות – די ערציילונגען זענען די וויכטיגסטע טיילן פון די תורה! עס פארנעמט א גרעסערן טייל פון פסוקים ווי די הלכות.

אלס ביישפיל וועלן מיר דורכלערנען די פאסירונגען פון די וואכעדיגע סדרה. הערט צו די מעשה; אויב וועט איר אביסל אריינטראכטן דערין, וועט איר זען אז עס איז גאנץ מערקווירדיג.

אט איז א קליינע מיידל מיט'ן נאמען רבקה וואס וואוינט אין פדן ארם, ווייט אוועק פון אברהם אבינו, וואס דער אמת איז אז מען וואלט קיינמאל נישט געדארפט צו הערן פון איר. איר פאמיליע איז אינגאנצן נישט געווען עפעס ספעציעל – און זי וואלט געקענט פארגעסן ווערן אין די היסטאריע. און דאן פלוצלינג, אויסערליך ווי פערצופאל, טאנצט אט די קליינע מיידל אריין אין אונזער היסטאריע און נעמט א ראלע פון גרעסטן וויכטיגקייט.

ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. מיר קענען שוין חומש, דערפאר נעמען מיר עס אן אלס א פאקט; מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו רבקה ווייל מיר ווייסן ווער זי איז און דערפאר טראכטן מיר אז עס איז אלעמאל געווען א רבקה; עס איז פשוט דער וועג ווי עס דארף צו זיין. אבער דער אמת איז אז עס איז געווען א צייט ווען זי איז געווען סתם א מיידל – אין איר היים האט זי נישט געטראגן קיין גאלדענע קרוינען; ווועמען איז איינגעפאלן אז זי זאל ווערן רבקה אמנו? שטעלט זיך די שאלה וואס

מיר דארפֿן דערגיין א תשובה: וואס איז דאס געווען וואס האט געמאכט רבקה זאל ווערן די מוטער פון דאס אידישע פאלק?

## א באדייטנדער עפיזאד

אלזא, עס איז נישט קיין ספק אז רבקה האט געהאט פארשידענע מעלות, אבער די תורה רעדט נישט דערפון. נאר איין זאך ווערט דערציילט. אויב מען קוקט אריין אין חומש, וועט מען זען אז עס איז דא בלויז איין זאך וואס האט צוגעפירט רבקה צו די אייגנארטיגע ראלע אין היסטאריע.

אליעזר, דער קנעכט פון אברהם, איז געגאנגען צו פדן ארם זוכן א ווייב פאר יצחק, וואס דאס איז געווען זייער א וויכטיגע מיסיע. דער באשעפער האט צוגעזאגט פאר אברהם אז פון זיין זון יצחק, וועט ארויסקומען דאס אויסדערוועלט פאלק; און דערפאר, די פרוי וואס וועט אויסגעוועלט ווערן צו זיין זיין ווייב וועט ווערן די מאמע פון דאס אידישע פאלק. דאס האט נישט געקענט זיין סיי ווער; נאר א ספעציעלע פרוי איז ווערד צו זיין די מאמע פון די ספעציעלע מענטשן.

ווען אליעזר איז שוין געווען אויפ'ן וועג צו פדן ארם האט ער אנגעהויבן אריינטראכטן ווי אזוי ער קען אמבעסטן אויספירן זיין אויפגאבע און אויסוועלן די וואס איז די פאסיגסטע צו דינען אט די נצחיות'דיגע ראלע. דאס אחריות וואס ער האט געטראגן איז געווען אזוי גרויס, ער האט זיך נישט געוואלט פארלאזן אויף זיין אייגענער אויסוואל — ער זאל לויט זיין אייגענער פארשטאנד אויסקלייבן די מאמע פון דאס אויסדערוועלטע פאלק?! אה ניין! ער האט מורא געהאט צו זיין דער וואס נעמט אויף זיך אזא אחריות. האט ער מתפלל געווען צום באשעפער און געבעטן אז ער זאל אויסוועלן.

## א פראבע

אבער כדי צו וויסן וועמען דער באשעפער טוט אויסוועלן, האט אליעזר געמאכט א פראבע — ער האט געזאגט אזוי: "איך וועל בעטן איינע פון די מיידלעך וואס קומען צום ברונעם זי זאל מיר געבן צו טרינקען. און באשעפער, איך בעט דיר אז אויב איז זי די פאסיגע מיידל, זאל זי מסכים זיין און זיך אנטראגן צו געבן וואסער אויך פאר מיינע קעמלען. איך בעט דיר באשעפער, שיק מיר צו די פאסיגע מיידל ביים ברונעם."

ווען ער איז געקומען נעבן ברונעם און געזען א שיינע מיידל זיך דערנענטערן מיט אן אמפער אויף אירע פלייצעס, האט ער געהאפט אז זי איז די פאסיגע. "באשעפער! זאל זי זיין די פאסיגע, איך בעט דיר!" ער האט געוואוסט אז אויב וועט ער ווארטן אביסל לענגער קען נאך א מיידל אנקומען, דערפאר איז ער צוגעלאפן צו די שיינע מיט האפענונג און פארגעלייגט די גורל'דיגע שאלה: "קענסטו מיר ביטע געבן פון דיין אמפער אביסל וואסער צו טרינקען?"

טראכט אריין; ווען עס קומט צו אייך א פעסט געבויטער מענטש מיט א גאנצע גווארדיע פון קנעכט, ער שטעלט אייך אפ און בעט צו טרינקען. איר וועט זיי העלפן; ווי אזוי? איר וועט זיי צופירן צום נאנטסטן געשעפט וואו מ'קען קויפן וואסער. אויך רבקה וואלט געקענט זייער איידל ווייזן אויפ'ן ברונעם, "אט דא שטייט א ברונעם."

נאך בעסער, זי וואלט געקענט זאגן, "דא האט איר וואסער, העלפט מיר ביטע אראפנעמען דעם אמפער פון מיינע פלייצעס, ווייל ס'וועגט זייער שווער." אן אמפער אנגעפילט מיט וואסער וועגט זייער שווער — עס איז נישט אזוי גרינג עס אראפצונעמען פון די פלייצעס.

## זי איז בייגעשטאנען די פראבע

אבער ניין, נישט אזוי האט זי זיך געפירט. וואס האט זי געטון? הערט גוט, עס איז געווען עפעס אויסערגעווענליך; אויב עס וואלט נישט געשטאנען אין די פסוקים וואלט עס געווען שווער צו גלייבן. אט די יונגע מיידל — וואס האט נישט געוואוסט אז דער פרעמדער זוכט יעצט א שידוך פאר זיין רייכן הער — איז גלייך געווארן פארנומען. **וַתֹּרֶד כַּדָּהּ עַל יָדָהּ וַתַּשְׁקֵהוּ** — זי האט אליין אראפגענומען דעם אמפער און אים געגעבן צו טרינקען **וַתֹּאמֶר שְׁתֵה אֲדֹנִי** — "מיין האר," האט זי אים געזאגט, "טרינקט וויפיל איר ווילט."

און דאס איז נאר געווען דער אנהייב פון רבקה'ס הכנסת אורחים. מיטאמאל איז זי ארייגעשפרונגען אין די ארבעט. זי האט געעפנט איר מויל און זי האט אים געבעטן א טובה: "ביטע מיין האר, לאזט מיר אנטרינקען אויך אייערע קעמלען."

איך ווייס נישט אויב איר האט שוין אמאל פראבירט צו אנטרינקען א קעמל, אבער דאס דארף מען וויסן אז עס איז כמעט אן ענדלאזע ארבעט. א קעמל קען טרינקען און טרינקען און טרינקען — ס'וויסט נישט ווען זיך אפצושטעלן. איין קעמל אליין קען טרינקען אזויפיל ווי דרייסיג מענער; און אליעזר און זייע באדינערט האבן געהאט מער ווי אפאר קעמלען.

און אזוי האט זיך רבקה גענומען צו די ארבעט; זי איז געלאפן אהין און צוריק פונעם ברונעם צום טרינק-שטיין פון די קעמלען. זי האט נישט געהאט צייט צו רוען, באלד ווי זי האט אנגעפילט דעם טרינק-שטיין איז געקומען א קעמל און עס אויסגעטרונקען מיט איין שלונג.

עס שטייט ותרץ עוד אל הבאר — זי איז געלאפן אהין און צוריק, **עַד אִם כִּלּוּ לִשְׁתֹּת** — ביז די קעמלעך אליין זענען שוין מיד געווארן פון טרינקען. זיי האבן זיך אליין אפגעשטעלט פון טרינקען. דאס איז שוין איינמאל עפעס! זייער האר האט זיי קיינמאל נישט געגעבן אזויפיל וואסער. ער האט אויך געוואוסט אז קעמלען האבן א גרויסן אפעטיט, אבער וואס זאל ער טון? ער האט רחמנות געהאט אויף זיינע הענט און פיס. עס איז נישט גרינג צו שטילן די דורשט פון א קעמל.

אלזא, ווי לאנג עס האט גענומען קען איך אייך נישט זאגן, אבער נישט ווייניג צייט און אנשטרענגונג.

## זי איז אויסדערוועלט

יענער מאמענט איז געווען א באדייטליכער פונקט אין די היסטאריע. "אהה!" האט דער באשעפער געזאגט, "דאס איז די מיידל וואס איך טו אויסוועלן צו זיין די מאמע פון מיין פאלק. אט די קליינע מיידל וואס וויל טון חסד צו וואנדערער, זי איז די וואס איך וויל זאל זיין די מאמע פון דאס אידישע פאלק."

למעשה, דאס איז די גאנצע וואס די תורה זאגט איבער רבקה. מיר ווייסן גארנישט מער איבער איר. שפעטער ווען רבקה איז געווען אין יצחק'ס הויז האט זי זיך אנטוויקלט; מיר פארשטייען אודאי אז זי איז געווארן גרעסער און גרעסער אין הויז פון די אבות. יצחק איז געווען א גרויסער רבי, שוין אפגערעדט פון די גאנצע סביבה מיט אברהם אבינו. אבער זי איז אויסדערוועלט געווארן צו דעם ספעציעלן אמט, דער העכסטער אמט פון זיין 'רבקה אמנו', בלויז צוליב דעם איינעם עפיזאד וואס די תורה דערציילט אונז.

## א רויז צווישן דערנער

אלזא, די שאלה איז, וואו רבקה האט זיך געלערנט אזא זאך, צו זיין אזוי איבערגעגעבן ביים

דערלאנגען פאר אנדערע מענטשן צו טרינקען? "מיין הער," האט זי געזאגט, "צי קען איך האבן דעם פארגעניגן אויך אנצוטרינקען דיינע קעמלען?" וואו האט זי געלערנט אזא פאך?!

איין זאך איז זיכער – עס איז נישט געווען איר נאנטע פאמיליע פון וואו רבקה האט געלערנט די זאכן. איר געדענקט אודאי אז ווען איר ברודער לבן, האט איר געזען צוריקקומען אהיים איז ער געווארן זייער פריי'ליך. אבער דאס איז נישט געווען צוליב דעם וואס עס איז געווען א וואנדערער אין שטאט, לבן איז נישט געווען קיין גרויסער מכניס אורח; נאר ער האט געזען די צירונגען וואס דער פרעמדער האט איר געגעבן, האט ער געזאגט "**בּוֹא בְּרוּךְ הַשֵּׁם** – קום, דו געבענטשטער פון באשעפער." אויב ביסטו געבענטשט מיט געלט ביסטו א מענטש וואס איך וויל האבן אין מיין הויז.

אלזא, האט לבן מכניס אורח געווען נישט לשמה, אבער זיין שוועסטער רבקה איז געווען אינגאנצן עפעס אנדערש. זי איז געווען א וואונדערליכע פערזענליכקייט. און דערפאר שטעלט זיך די פראגע: ווי אזוי איז א רויז ווי רבקה אויסגעוואקסן צווישן דערנער? עס לייגט זיך נישט אויפ'ן שכל; אזא שיינע פלאנצונג ווי דאס דארף ווערן איינגעפלאנצט און געפלעגט.

## דער קאראוואן גאזעט

דער ענטפער איז אזוי: רבקה איז געווען א הערליכער בלום וואס איז געוואקסן אין א מדבר, דאס איז אמת. אבער זי איז געקומען פון א שטוב וואס זענען געווען קרובים מיט אברהם, איר עלטער זיידע נחור איז געווען אברהם'ס ברודער. רבקה האט געוואוסט אז זי האט אן עלטער פעטער אין ארץ כנען וואס טוט אויסערגעווענליכע זאכן.

כאטש וואס זי האט געוואוינט אין פדן ארם, ווייט אוועק פון ארץ כנען, האבן די פארבייגייער וואס האבן געררייזט פון איין פלאץ צום אנדערן האבן איר דערציילט מעשיות איבער איר עלטער פעטער אברהם. זי האט געהערט אפטע עדות פון וואנדערער איבער וואס עס גייט פאר.

מיר ווייסן פון די תורה, פון דער סוף פון די פרשה פאריגע וואך, אז מענטשן פלעגן זיך אינטערעסירן ביי די קאראוואנען וואס זענען געפארן אהין און צוריק און זיי האבן געהערט נייעס איבער זייערע פאמיליעס פונדערווייטנס. מיר זעען אין די פסוקים (כב:כ-כד) ווי אזוי אברהם האט באקומען די נייעס אז עס זענען געבוירן געווארן קינדער ביי זיינע קרובים; עס שטייט דארט אז ער האט אפילו געהערט די נייעס אז רבקה איז געבוירן געווארן. אזוי האבן משפחה מיטגלידער געוואוסט איינער פון צווייטן.

## אויסערגעווענליכע גאסטפריינטליכקייט

אלזא, וואס האט רבקה געהערט? איינע פון די זאכן וואס זי האט די מערסטע געהערט איז געווען איבער אברהם'ס אויסערגעווענליכע גאסטפריינטליכקייט. עס איז געווען עפעס אזוי וואונדערליך, אזוי אנדערש ווי געווענליך, אז עס איז געווארן דער שמועס אין שטאט. יעדער האט געוואוסט אז אברהם האט אראפגעשטעלט איינע פון זיינע עיקר יסודות צו שפייזן מענטשן. מענטשן האבן גערעדט פון ווי אזוי ער שטרענגט זיך אן צו צוציען מענטשן צו עסן אין זיין געצעלט; ווי אזוי ער לויפט נאך מענטשן און בעט זיך צו קומען צו אים. די פארבייגייער האבן דערציילט ווי אזוי ער פאלט אויף זיין פנים זיך איינצובעטן ביי די וואנדערער צו קומען געניסן פון זיין הכנסת אורחים. אפילו ווען די וואנדערער האבן אפגעזאגט, "ניין, א דאנק," האבן זיי געזאגט, "עס פעלט נישט אויס." האט זיך אבער אברהם געבעטן: "ביטע, **אַל נָא תַעֲבֹר**, גייט נישט אוועק."

אויב איז מען פארבייגעגאנגען אברהם'ס געצעלט איז מען געבליבן שטעקן ווייל ער האט עס

געמיינט אמת'דיג און ווען א מענטש וויל באמת עפעס דערגרייכן, טוט ער וואס ער קען דערצו. איך געדענק פיל יארן צוריק, איבער פערציג יאר, האב איך זיך אמאל אומגעקוקט אין די געשעפטן אין איסטסייד צו קויפן א מאנטל. איך בין אריין אין איין געשעפט אבער פלוצלינג האט דער מענטש פון דאס געשעפט דערנעבן וואס איך בין נארוואס פארביי, מיר געכאפט ביים קאלנער. ער האט געזאגט, "קום צו מיין געשעפט, איך האב בעסערע שטאף."

אזוי האט אברהם נישט דורכגעלאזט קיין איין וואנדערער וואס איז פארבייגעגאנגען זיין געצעלט. ער האט נישט נאכגעלאזט. אפילו אין אן אויסטערלישן הייסן טאג ווען ער האט זיך נישט גוט געפילט — אפילו ער איז נארוואס אריבערגעגאנגען א פראצעדור - האט עס נישט אויסגעמאכט, ער איז ארויסגעלאפן זוכן געסט. ער איז געפאלן צו די פיס פון די וואנדערער און זיך איינגעבעטן. **וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה** — ער האט זיך געבוקט צו די ערד פונקט ווי א מענטש בוקט זיך פאר זיין קונה. "ביטע מיין הער, קום אריין אין מיין געשעפט; **אַל נָא תַעֲבֹר** — איך בעט דיר, גיי מיר נישט פארביי. ער האט זיך געבעטן מיט כל מיני פיוס: "ביטע געב מיר די געלעגנהייט דיר צו שפייזן." און דאן, ווען זיי האבן אים צוליב געטון איז ער געוועזן עומד עליהם; ער איז געשטאנען איבער זיי און ער האט גע'שחט'ן אקסן פאר זיי.

דאס זענען געווען די מעשיות וואס די רייזנדע האבן איבערדערציילט ווען זיי זענען געקומען קיין פדן ארם. יעדן מאל וואס א קאראוואן האט זיך אפגעשטעלט ביים ברונעם זענען איבערדערציילט געווארן די ערציילונגען וואס זענען געווען אזוי אויסערגעווענליך אז עס האט נישט געפאדערט קיין באפוצונגען. יעדער האט גערעדט איבער דער נשיא אלקים אין ארץ כנען וואס לעבט מיט'ן ציל צו שפייזן אנדערע.

## הערן און אויסהערן

אלזא, צווישן די וועלכע האבן געהערט די מעשיות איז געווען דאס קליינע מיידל מיט'ן נאמען רבקה. זי איז געקומען צום ברונעם און אנגעשעפט וואסער פאר איר משפחה און אונטערגעהערט די באריכטן. אבער זי האט עס נישט בלויז געהערט אזוי ווי מיר הערן; עס גייט אריין אין איין אויער און ארויס פון די אנדערע. זי האט גוט אויסגעהערט; זי האט געטראכט פון די מעשיות וואס זי האט געהערט און זיך נאכגעפרעגט אויף די פרטים.

אויערן, דארפט איר וויסן, זענען נישט סתם אפאראטן וואס הענגען אראפ ביי די זייטן פון קאפ. רבקה האט פארשטאנען וואס דוד המלך האט געלערנט פיל יארן שפעטער; **אזנים כרית לי** — דו האסט מיר ארויסגעגראבן אויערן (תהלים מ:ז). עס שטייט נישט, "די אויערן וואס דו האסט מיר געגעבן," אדער "די אויערן וואס דו האסט געלייגט אויף מיין קאפ." דער לשון איז "ארויסגעגראבן אויערן", דאס זענען טונעלן וואס פירן צו מיין מח. די מעשיות וואס רבקה האט געהערט איבער אברהם'ס שטרעבן צו שפייזן אנדערע זענען איר אריין אין קאפ און דארט האט אנגעהויבן צו ברענען א פייער פון א רצון צו טון דאס זעלבע. זי האט געהערט און אריינגעטראכט אין די מעשים פון אברהם און צוביסלעך האט עס איר פארוואנדלט אין א גענצליך נייע פערזענליכקייט.

# חלק ב. א וועלט פון שפייזן

## נאכטון דעם באשעפער

אלזא, צו באשרייבן אלעס וואס אברהם האט געטון און אלעס וואס רבקה האט געהערט און

פארשטאנען, קען איך נישט – איך ווייס נישט. מיר קענען אביסל זאגן אבער מיר וועלן קיינמאל נישט קענען משיג זיין אינגאנצן די גרויסע מענטשן. און דאך איז דא איין זאך וואס מיר קענען זיכער פארשטיין: פארוואס האט אברהם אזוי שטארק געלעכצט און ארויסגעקוקט צו האבן געסט? אברהם איז געווען א גרויסער חכם און ער האט געהאט א געוואלד מיט זאכן וואס ער האט געקענט טון מיט זיין צייט. פארוואס האט אזא גרויסער מענטש געדארפט שפענדן אזויפיל פון זיין טייערע צייט צו שפייזן מענטשן?

דער ענטפער איז אז אברהם האט געזען אז דאס איז מיט וואס דער באשעפער איז פארנומען אין די וועלט! ער שפייזט אונז! "און אויב איז דאס עפעס וואס דער באשעפער טוט," האט אברהם געזאגט, "דאן וויל איך דאס אויך טון!"

איך וועל דאס ערקלערן. אין אנהייב מסכת עבודה זרה (ג:) דערציילט אונז די גמרא א גרויסן סוד – מען איז אונז מגלה וואס דער באשעפער טוט א גאנצן טאג.

די גמרא זאגט, **יושב הקדוש ברוך הוא וזן מקרני ראמים ועד ביצי כינים**; דער באשעפער איז משגיח אויף די שפייז פאר אלע באשעפענישן, פון די גרעסטע חיות ביז די קלענסטע קריכעדיגע באשעפענישן. ער טוט צושטעלן פאר יעדן זיין פאסיגע שפייז.

## דער האנט

מיר זאגן דאס יעדן טאג, נאר מיר לייגן נישט צו קאפ דערצו; מיר ווייסן אפילו נישט וואס מיר זאגן. **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן** – דו עפנסט דיין האנט און דו זעטיגסט אלע לעבעדיגע. אודאי, דער באשעפער האט נישט קיין האנט; ידך, דיין האנט, מיינט 'דיין כח פון געבן'. **פותח** – ווי אזוי טוט דער באשעפער אנטפלעקן זיין כח? וואס טוט ער מיט זיין כח פון געבן? **משביע לכל חי רצון** – ער פירט אן א קאמפליצירטער פראצעדור פון זעטיגן אלע לעבעדיגע זאכן מיט וואס זיי דארפן.

'פותח את ידך' מיינט, אז די מערסטע אנזעבארער באוויז פון דעם באשעפער'ס כח וואס מיר זעען אין די וועלט איז, אז ער האט געמאכט די וועלט פאר איין גרויסער רעסטוראנט. וואו אומער דו קוקסט, ווערסטו זען אנטוויקלונג פון עסן דורך אן ענדלאזע קייט פון ניסים – ס'איז אן ענדלאזער פראצעדור; עסן טוט זיך א גאנצע צייט אנטוויקלען ווי פון זיך אליין.

עס פרעגט זיך א גרויסע שאלה: פארוואס זאל נישט עסן זיין אין א באשטימטער זאפאס אזוי ווי גאז? מענטשן זאלן דארפן אויסגראבן עסן אזוי ווי מ'טוט מיט דיאמאנטן, אייזן אדער קוילן.

## אטאמאטיש אנפילנדע פאליצעס

אבער דער באשעפער האט געמאכט א נס – און ער מאכט עס נאך אלץ – אז עסן טוט זיך נאכאמאל און נאכאמאל פראדוצירן. טראכט אריין דערין! שטעלט זיך פאר, אויב א קען פון באנדלעך וואס ליגט אויף די פאליצע אין גראסערי זאל קענען ארויסגעבן פון זיך נאך א קען באנדלעך. עס וואלט געווען א וואונדערליכע איבערראשונג פאר דעם גראסערי מאן. זיינע פאליצעס וואלטן זיך קיינמאל נישט אפגעליידיגט.

אבער דער אמת איז אז עס איז גארנישט קיין קלענערע איבערראשונג דאס וואס קומט פאקטיש פאר א גאנצע צייט. עפלעך פראדוצירן נאך עפלעך און ווייץ פראדוצירט נאך ווייץ. פערישקעס און גערשטן און קארטאפל און טאמאטאס טוען זיך ווידער פראדוצירן דורך ניסי ניסים! ס'איז נאר אז מיר זענען צוגעוואוינט דערצו. מיר זענען געווארן אזוי צוגעוואוינט צו זען ווי דער האנט פון באשעפער טוט שפייזן די וועלט, אז מיר טראכטן קיינמאל נישט דערפון.

אבער אברהם האט יא געטראכט דערפון; ער האט זיך ארומגעקוקט אויף די וועלט ארום אים און געזען אז די גאנצע וועלט איז א שפייז וועלט. רבינו סעדיה גאון זאגט דאס; ער זאגט אז אלע פונקציעס פון די גאנצע וועלט איז צוגעשטעלט צו פראדוצירן עסן. דאס איז א מערקווירדיגער אויסדרוק פון א אלטער גדול און דאס איז א יסוד ווי אזוי מיר דארפן קוקן אויף די וועלט ארום אונז; סיי וואס איר זעט אין די וועלט איז עס פאר'ן צוועק צו צושטעלן שפייז פאר דעם אויבערשטנ'ס באשעפענישן.

די זון שיינט; דאס איז עסן. עס שיינט אראפ און עס ווערט פארוואנדלט אין געוויקסן וואס די קיען עסן און דאן ווען מיר עסן די פלייש פון די קיען, עסן מיר זונען שיין! איר ווייסט וואס עסן איז? עסן איז אנגעזאמלטע זונען שיין; פונקטליך דאס — די ענערגיע פון די זונען שיין ליגט אין די עסן. ווען מיר עסן די שפייז באקומען מיר ענערגיע פון די זון, נאר מיר באקומען עס אין אן אופן עס זאל זיך קענען אנזאמלען אין אונזערע קערפערס צו ניצן. אזוי לעבן מיר; פון די ענערגיע פון די זון וואס זאמלט זיך אן אין אונזערע קערפערס.

## אלעס איז עסן

איז די זון עסן. די וואלקענעס זענען פאר עסן. ווינט איז פאר עסן. רעגן איז פאר עסן. ווען עס רעגנט קען מען זען דעם האנט פון באשעפער אראפקומען כדי דיר צו שפייזן. עס איז קערשן וואס קומט יעצט אראפ; רויטע קערשן און גרינע בארן קומען אראפ. אויך וואסער-מעלאנעס קומען אראפ. וואס זענען וואסער-מעלאנעס? כאטש הערט מען דא דאסווארט וואסער. אבער אייגנטליך איז אלעס וואסער. אויך קרויט און שאלאטן; אלעס איז וואסער. און קארטאפל און טאמאטעס. אויך ברויט! צי קען ווייץ וואקסן אן רעגן? דאס אלעס איז אויסער דער פאקט אז וואסער קומט אויך אראפ; וואסער צו טרינקען. וואסער ווערט סאדע, וואסער ווערט פארוואנדלט אין טרויבן און עס ווערט וויין.

און איינמאל ס'רעגנט שטעלט זיך די ערד צו די עבודה פאר אונז. דער גאנצער פלאך פון די ערד איז דעם באשעפער'ס אפענער האנט וואס שפייזט אונז; אלע פונקציעס פון די ערד איז פאר עסן. נישט נאר אויפ'ן אויבערפלאך; אויך אינעווייניג אין די ערד איז אלעס אויף צו שפייזן די וועלט. אויב מ'קוקט אראפ צו די ערד ווען עס רעגנט וועט מען אפשר באמערקן די ערד ווערים וואס ליגן פון אויבן. טראכסטו, 'וואספארא נידריגע באשעפעניש דאס איז.' אה ניין! די ערד ווערים זענען אויך א טייל פון דעם גרויסן האנט פון באשעפער וואס שטעלט אונז צו עסן.

די ערד ווערים זענען אונזערע רעטערס; זיי געבן אונז לעבן. אן די ערד ווערים וואלטן מיר גארנישט געהאט צו עסן. זיי טוען נאכאנאנד דורכבויערן די ערד, זיי שלינגען איין ערד און לאזן עס דערנאך ארויס; זיי קילן עס אפ און באמיסטיגן עס. דערפאר איז די ערד אזוי פראדוקטיוו ארויסצוגעבן שפייז, ווייל די ערד ווערים האבן עס בעארבעט.

אברהם האט דאס אלעס באטראכט — ער האט דורכשטודירט די זון און רעגן און ערד ווערים און פיל מער; איך בין ווי א קליינע מורישקע וואס קוקט ארויף אויף א הויכער בארג, צו קענען זיך פארשטעלן וואס אברהם האט געטראכט, אבער עס איז קיין ספק נישט אז ער האט דערזען די גרויסע חכמה פון באשעפער אין די עסן פון די וועלט ארום אים.

אבער ס'איז נאך פיל מער ווי דאס. נישט נאר האט ער געזען אז דער באשעפער האט געמאכט אן עסן וועלט, ער האט אויך געזען אז עס איז א גוטע וועלט, א גוטהארציגע וועלט. אברהם האט געזען אז דער באשעפער מאכט עס אויך געשמאק; א הערליכע און טעם'פולע וועלט.

## אמת'ע קונסטוועריק

לאמיר זאגן דיין ווייב וואלט דיר געקאכט נאכטמאל און זי וואלט גענומען א שטיקל פלייש און עס צעדריקט אינאיינעם מיט קארטאפל און ארויפגעווארפן די גאנצע זאך אויפ'ן טעלער אן קיין סדר. וואלטסט עס מעגליך נישט געוואלט עסן, אויסער אויב דו ביסט זייער הונגעריג.

אבער וואס טוט דיין ווייב? זי איז עס מסדר אין אזא וועג אז ס'זאל געפינען חן אין דיינע אויג. זי לייגט צוםביישפיל די באנדלעך אין איין זייט און די געלע זיסע קארטאפל אויפ'ן צווייטן זייט און די פלייש אינצווישן; זי מאכט עס אויסזען רייצנד און אפעטיטלעך, אזוי אז ווען דו זעצט זיך אראפ עסן זאגסטו, "מיין ווייב, הלואי וואלט איך געהאט א בילדער מאכער צו אפכאפן א בילד דערפון; עס איז א שאד צו אויפעסן אזא הערליכע זאך." דו קענסט זאגן פאר דיין ווייב שבת ביי די סעודה: "מיר וואלטן געדארפט אפכאפן א בילד פון די חלה און עס ארויסשטעלן אין א געשעפט; ס'איז אזא הערליכע געבעקס ווי פון א מייסטער בעקערין."

אבער דער באשעפער איז נאך א בעסערער מייסטער קעכער און בעקער און ער שטעלט אונז צו אזעלכע הערליכע זאכן וואס זענען אמת'ע קונסטוועריק. וואס טוען מענטשן ווען זיי ווילן באצירן זייערע סוכות? זיי הענגען אויף די סכך פאלשע טרויבן, פאלשע עפלעך. טייל מענטשן לייגן אויך אמת'ע פרוכט. פארוואס? ווייל דאס זענען קונסטוועריק.

## געשמאק און שמעקעדיג

און נישט נאר וואס עס איז הערליך, נאר אויך געשמאק. דער באשעפער וואלט דיר געקענט שפייזן מיט עסן וואס האבן אינגאנצן נישט קיין טעם, און דו וואלטסט אים געדאנקט דערפאר ווייל עס דערהאלט דירביים לעבן. אבער וואס טוט ער? ער געבט דיר אלע סארט טעמים; באנדלעך און גערשטן און שוועמלעך! הערינג און ניסלעך! ראזשינקעס און קארן און עפלעך! און נישט אלע עפלעך האבן דעם זעלבן טעם; ער געבט אונז פיל ערליי סארט עפלעך. עס זענען דא טויזנטער און טויזנטער מיני טעמים וואס ער האט געמאכט פאר אונז.

און אין צוגאב צו א טעם, געבט ער אונז א ריח; אפילו נאר דער שמעק פון אן עפל אדער אנדערע פרוכט שאפט הנאה. און דאן נעמט ער עס ארום מיט הערליכע איינפאקונגען וואס באשיצן די פרוכט פון ווערן פארפוילט אפילו ווען עס ליגט נישט אין פריזשידער. און ווען עס קומט די צייט צו עסן, קענסטו עסן אויך דעם איינפאק.

## די גרעסטע דערגרייכונג

אלזא, דער געוואלדיגער ענין אז דער באשעפער איז נאכאנאנד באשעפטיגט צו צושטעלן די שפייז פאר אלע לעבעדיגע, און ער טוט עס מיט גוטהארציגקייט, איז די מערסטע אנזעבארער צייכן פון דעם באשעפער'ס חסדים. איינמאל מיר אנערקענען וויפיל דער באשעפער איז עוסק אין דעם, הייבן מיר אן צו פארשטיין אז דאס איז עפעס וואס מיר דארפן נאכטון.

דער באשעפער וויל מיר זאלן נאכגיין זיינע וועגן — דאס איז די גרעסטע דערגרייכונג ביי א מענטש — און אויב דער באשעפער זאגט אונז אז ער האט געמאכט אן עסן וועלט און ער איז פארנומען א גאנצע צייט צו שפייזן זיינע באשעפענישן, דאן איז דאס וואס ער וויל מיר זאלן אויך טון. דאס האט אברהם געזאגט: "איך האב דורכשטודירט די וועלט און איך זע אז דער באשעפער איז נאכאנאנד

פארנומען צו שפייזן די וועלט און דערפאר וועל איך טון דאס זעלבע." האט אברהם באשלאסן, **מַה הוּא אַף אַתָּה** – "איך וועל גיין אין די וועגן פון באשעפער."

פארוואס ווייזט אונז דאס דער באשעפער? ווייל ער וויל מיר זאלן אים נאכטון; ער וויל מיר זאלן גיין אין זיינע וועגן! און אזוי איז אברהם געווארן פארנומען צו אויסלערנען פאר די וועלט, אז די וועלט אין וואס מיר לעבן איז א וועלט פון הכנסת אורחים. ער האט געטון אלעס וואס ער האט געקענט דאס צו אויפווייזן ווייל ער האט פארשטאנען אז דאס איז דער ציל אין לעבן – **והלכת בדרכיו**, צו נאכגיין די וועגן פון באשעפער, דאס הייסט געלעבט מיט הצלחה.

## דער בוים אכסניא

אברהם האט געקוקט אויף דיביימער און ער האט געטראכט איבער וואס ער זעט. נישט אזוי ווי מיר קוקן אויף ביימער, ווי קלעצער; נישט טראכטנדיג בכלל. אברהם האט געטראכט, 'פארוואס האט א בוים צווייגן וואס צעשפרייטן זיך אויף אלע זייטן און א שטאם אינדערמיט?'

האט ער געזען א מענטש קומען און ער זעצט זיך אראפ אונטער א בוים און לאנט אן זיין רוקן אויפ'ן שטאם. ער האט זיך אפגערוט באקוועם ווען אויף אלע זייטן איז דא א שאטן. "קוק אויף דעם," האט אברהם געזאגט, "דער בוים איז אן אכסניא. דער באשעפער וויל אונטערהאלטן די וואנדערער און זיי מאכן פרייליך און באקועם. ער מאכט אונז באקוועם אויף די וועלט."

נאכמער, א מענטש רוהט זיך אפ אונטער'ן שאטן פון א בוים, ער קוקט ארויף און זעט טייטלען וואס הענגען אראפ פונעם בוים. שטרעקט ער אויס זיינע הענט און שלעפט אראפ אפאר טייטלען. ער זיצט אונטער א בוים, מיט זיין רוקן אנגעלאנט אויפ'ן שטאם, עסנדיג די טייטלען און געניסנדיג פון דעם קילן שאטן. און אין ווינטער ווען ער וויל זיך אפרוען אונטער'ן בוים, זענען אלע בלעטלעך אראפגעפאלן און אצינד שיינט די זון אדורך די ברייטע שפאלטנס צווישן די צווייגן, אים צו דערווארעמען. דאס איז הכנסת אורחים.

"אה," האט אברהם געזאגט, "איך פארשטיי אז דאס איז וואס דער באשעפער וויל מיר זאלן זיך לערנען. ער לערנט אונז דא עפעס! מיר זענען בלויז וואנדערער וואס גייען פארביי די וועלט און דער באשעפער איז אונזער גאסטגעבער וואס באגיסט אונז מיט אלע גוטע זאכן; ער טוט אונז נאכאנאנד געבן אלעס וואס מיר דארפן האבן צו מאכן אונזער אויפהאלטונג דא אנגענעם." און דערפאר וואס מענטשן זענען באשאפן געווארן כדי צו גיין אין די פיסטריט פון באשעפער, איז אברהם געווארן פארנומען צו טון דאס זעלבע. "איך וועל אוועקגעבן מיין לעבן צו ווייזן," האט אברהם געזאגט, "אז איך האב זיך געלערנט די לעקציע."

# חלק ג. די מידה פון שפייזן

## זוכן געלעגנהייטן

אצינד, ווען רבקה האט געהערט די מעשיות איבער איר עלטער פעטער אין ארץ כנען, איז זי געווארן זייער איבערגענומען. זי איז נאך געווען א זייער יונג מיידל אבער עס האט זיך אנגעצונדן אין איר קאפ א חשק צו נאכגיין די פיסטריט פון אברהם אבינו. עס האט איר זייער באנומען דער מהות פון אברהם

אבינו וואס האט זיך געפירט און געלערנט דער ענין פון ארויסווייזן גוטהארציגקייט צו מענטשן כדי צו נאכטון דעם באשעפער. און פונקט ווי אברהם, האט זי פראבירט ווי ווייט מעגליך זיך איבערצוגעבן צו דעם גאנג פון נאכמאכן דעם באשעפער'ס גאסטפריינטליכקייט אויף די וועלט.

אלזא, ווען א מענטש וויל דינען דעם באשעפער, ווען א מענטש וויל באמת ווערן גרויס אין די אויגן פון באשעפער, שיקט אים דער באשעפער געלעגנהייטן דערצו. און דאס איז וואס האט פאסירט צו רבקה. אין דעם טאג ווען אליעזר איז אנגעקומען צום ברונעם אין חרן, האט זי געבעטן דעם באשעפער, "איך בעט דיר באשעפער, איך וויל נישט אז דער טאג זאל פארלוירן גיין. ביטע שיק מיר אונטער די געלעגנהייט צו טון היינט עפעס, אזוי אז איך זאל קענען נאכגיין די פיסטריט פון מיין גרויסער קרוב אברהם."

און דערפאר האט זי געזאגט פאר אירע עלטערן, "אפשר קען איך גיין שעפן וואסער היינט פאר די משפחה?" אפשר האבן אירע עלטערן געזאגט, "ס'איז גוט, מיר האבן גענוג וואסער אויף היינט," האט רבקה דאך געוואלט גיין. "איך וועל גיין צום ברונעם שעפן נאך וואסער, זאל זיין גענוג אויב מיר וועלן האבן געסט. און אפשר וועט זיין עפעס א וואנדערער ביים ברונעם וועמען איך וועל קענען איינלאדענען צו אונז אויף א מאלצייט." אזוי האט זי גענומען דעם אמפער און איז ארויס צום ברונעם צו זוכן געלעגנהייטן נאכצוטון דעם באשעפער. און אין דעם זכות פון זוכן צו נאכטון דעם באשעפער, האט איר דער באשעפער אונטערגעשיקט אזא געוואלדיגע געלעגנהייט ביים אנטרעפן אליעזר עבד אברהם.

## טרעפן געלעגנהייטן

אזוי איז רבקה געווארן די מוטער פון דאס אידישע פאלק. דאס איז די גאנצע וואס די תורה דערציילט אונז – עס שטייט נישט מער פרטים. ווי אזוי האט רבקה זוכה געווען צו ווערן רבקה אמנו? ווייל זי איז ארויסגעגאנגען, פונקט ווי איר עלטער פעטער האט געטון; זי האט אנגעטראגן וואסער און עסן פאר וואנדערער און זי איז געלאפן אהין און צוריק צו אנטרינקען אויך זייערע קעמלען. בלויז ווייל זי האט זיך געפירט אין די וועגן פון באשעפער ווי אזוי ער שפייזט די וועלט, האט דער באשעפער געזאגט, "רבקה, מיין טאכטער! דיר וויל איך האבן!"

אלזא, מיר האבן געזאגט אין אנהייב פון אונזער שיעור אז די ערציילונגען אין די תורה זענען געשריבן געווארן אונז צו לערנען א לימוד. דאס איז וואס תורה מיינט – דאס ווארט תורה באדייט 'לערנונג'. און די מעשה פון רבקה ביים ברונעם לערנט אונז אז דורך נאכגיין די וועגן פון באשעפער אין ווי אזוי ער שפייזט די וועלט, דאס איז איינע פון די וועגן פון אנקומען צו גרויסקייט. דאס איז ווי וויכטיג עס איז צו אריינרופן מענטשן און געבן א מאלצייט.

## הכנסת אורחים

דאס מיינט נישט אז ווען דו רופסט אריין אנגעזעטיגטע שכנים וועלכע האבן גענוג עסן און אנשטאט וואס זיי זאלן עסן ביי זיך אינדערהיים און דו זאלסט עסן אין דיין היים רופסטו זיי אריין און דו זאגסט, "קומט, לאמיר עסן אינאיינעם" – דאס מיינט גארנישט. ס'איז נאר פארפאטשקעט געלט; פארפאטשקעט גוטע עסן. זיי האבן גענוג וואס צו עסן אויך אן דיינע שפייז. ס'איז אויך א וועג פון זיך זוכן פראבלעמען. אבער אמת'ע הכנסת אורחים? נישטא עפעס בעסערס ווי דאס!

אלזא, ווי שטארק זאל א מענטש זיך אנשטרענגען צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים, דאס

וועגדט זיך אין די אומשטענדן. עס וועגדט זיך אינעם נותן און אויך אינעם מקבל און דער מצב.

אודאי, אויב דיין מאן איז נישט אינדערהיים, קענסטו נישט אריינברענגען פרעמדע מענער צו זיך אהיים. אפילו ווען דיין מאן איז אין שטאט, עס איז בעלה בעיר, קען מען זיך היינט נישט פארלאזן אויף דעם היתר. דאס איז געווען גוט אמאל; אין די גוטע אלטע צייטן אויב א משולח האט געקלאפט אין טיר האט די פרוי אין שטוב אים געקענט אריינרופן פאר א מאלצייט ווייל זי האט געהאט א שמירה קעגן זינד – איר מאן איז אין שטאט און קען אהיימקומען יעדע רגע. אבער היינט איז עס נישט קיין גוטער היתר, ניין. מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף דעם אין א דור וואס איז אזוי פרוץ. אפילו די בעסטע מענטשן היינט זענען אזוי רואינירט צוליב די אויסגעלאסנקייט אין די לופט! דערפאר איז נישטא אזא זאך ווי הכנסת אורחים אויב דיין מאן איז נישט אין הויז.

## שפייזן די מידע

אבער לאמיר זאגן דיין מאן איז אינדערהיים. אדער דער מאן איז דער וואס עפנט די טיר פאר א משולח פון ארץ ישראל אדער א חסיד פון וויליאמסבורג; ער איז געווען אוועק פון שטוב א גאנצער לאנגער טאג ארומקלעטערנדיג אונטער די הייסע זון פראבירנדיג צו שאפן א דאללער אדער צוויי פאר זיינע פערצן קינדער. ער גייט ארום פארמאטערט, מיד און דורשטיג, פון הויז צו הויז. דער מענטש ארבעט אין א פאבריק א גאנצן טאג אבער זונטאג איז ער פריי, ניצט ער אויס דעם זונטאג צו שאפן געלט אויף צו באצאלן שכר לימוד פאר זיינע קינדער. דאס איז וואס זיי טוען. אין סאטמאר חדר איז נישטא קיין פרייע שכר לימוד. גייט ער זונטאג ארום שאפן געלט אויף שכר לימוד פאר זיינע קינדער.

אלזא, לאמיר זאגן דו ביסט געגוג גוטהארציג אים צו געבן פינף דאללער; זייער גוט! אבער דאס איז נישט געגוג – לאז נישט די געלעגנהייט פארבייגיין. רוף אים אריין פאר א ווארעמע מאלצייט.

למעשה, גאנץ ווארשיינליך וועט ער דיר אנקוקן און טראכטן צוויי מאל פאר ער עסט אין דיין הויז. אפילו א מילכיגע סעודה וועט ער מורא האבן, אפשר איז דיין מילך נישט חלב ישראל. אבער כאטש א גלאז וואסער קענסטו אים געבן, א גלאז כשר'ע וואסער פון דיין קאך, דאס וועט זיין א הצלחה אין דיין טאג.

## חלב ישראל

אבער אויב האסטו אביסל שכל וועסטו אלעמאל האבן צו די האנט א פלאש אידישע מילך. דער אמת איז עס איז נישטא קיין סיבה פארוואס מענטשן זאלן נישט קויפן אידישע מילך אויף פאר זיך און די משפחה. ס'איז זייער א גוטער איינפאל; ס'איז דא צו באקומען און עס קאסט נישט צו טייער. איז טראכט עס איבער. פארוואס זאל מען דען נישט אריינברענגען אין הויז אידישע מילך? אויב וואלטסטו געהערט דעם שיעור בלויז צו הערן דאס און דו וועסט אויפהערן זיך צו פארלאזן אויף תירוצים, אויף היתרים, איז אלעס ווערד. הייב אן אריינצוברענגען אידישע מילך אין דיין היים. אזוי, ווען א וויליאמסבורגער אדער אן ארץ ישראל'דיגער איד וועט קומען, וועסטו כאטש קענען אים אנטראגן א גלאז מילך.

איינמאל דו האסט אים שוין אריינגעשלעפט, איז ער שוין ביי דיר. זאג אים אז דו האסט חשק ער זאל עפעס עסן. דו קענסט אים אנטראגן א גלאט כשר'ע עפל. קען זיין ער איז אין אן איילעניש, אבער לאז אים נישט אנטלויפן; "אפשר ווילט איר אן עפל צו מיטנעמען מיט זיך." אה, אויב קענסטו

איבערקלוגן אזא מענטש, אויב קענסטו אים ברענגען צו נעמען פון דיר אן עפל, דאן האסטו געלעבט מיט א צוועק אין יענעם טאג. פונקט ווי דער באשעפער געבט עפלעך צו די וועלט, טוסטו דאס זעלבע.

ס'איז א שאד אז מענטשן פארשטייען דאס נישט; מען געבט אים א דאללער און מ'לאזט אים גיין. ס'איז א דערלייגטע געלעגנהייט זיך צו קענען אויסארבעטן אין דער ענין פון נאכגיין די וועגן פון באשעפער. און דערפאר, אפילו אויב ער האט נישט געקלאפט אויף דיין טיר – אויב דו זעסט נאר א איד קלאפן אויף אנדערע טירן צו שאפן געלט פאר א ישיבה, איז עס נישט קיין שלעכטער געדאנק אים צו איינלאדענען פאר א טרונק. אויב ביסטו מצליח צו באנעצן זיין האלז, דאן האסטו א זכי'; אויב וועט ער זיך אנטרינקען מיט א גלאז מילך אין דיין הויז, דאן איז דער טאג ווערד געווען צו לעבן. און אויב דו וועסט מצליח זיין אים צו מכבד זיין מיט א גוט שטיקל עסן, דאן איז נאך בעסער; דו לעבסט מיט א צוועק.

## אויסשטרעקן א האנט

אלזא, דאס אלעס איז וואונדערבאר, געוואלדיג. אבער ס'איז נאכנישט גענוג גוט. ס'איז נישט גענוג ווייל מיר דארפן געדענקען וואס אברהם האט געהאלטן אין קאפ ווען ער האט געשפייזט די געסט. ווען אברהם האט אויפגענומען אורחים האט ער אלעמאל אינזין געהאט אז ער מאכט יעצט א פארבילד פון דעם באשעפער'ס חסד. דאס איז פארוואס ער האט עס געטון. יעדן טאג האט ער געוואלט נאכמאכן מיט זיין אייגענע האנט וואס דער באשעפער באווייזט מיט זיין מאכטפולע האנט צו די וועלט.

און דער אמת איז אז אברהם האט דאס געקענט טון מיט אזא איבערצייגונג, ווייל ער האט דורכשטודירט דעם חסד ה' זיין גאנץ לעבן. ער האט דורכשטודירט די וועלט און ער האט געזען ווי אזוי אלעס איז דא צו טון גוטס מיט די מענטשהייט, און אזוי איז ער אליין געווארן דורכגעווייקט מיט די מידה פון חסד. די אויפמערקזאמקייט צו דער חסד ה' האט געברענט אין זיין הארץ א גאנצע צייט און דערפאר איז אלעס וואס ער האט געטון געווען א פארבילד פון די געוואלדיגע הנהגה.

## נאכמאכן רבקה אמנו

יעצט, מיר קענען נישט ערווארטן צו צוקומען צו אברהם'ס געטריישאפט צו מענטשן, צו זיין געהויבענע מידת החסד, אבער מיר זענען יא ערווארטעט צו פראבירן דאס בעסטע וואס מיר קענען. אויך קענען מיר נישט ווערן אויסגעארבעט דערין איבערנאכט, ס'פאדערט פראקטיצירונג. עס נעמט צייט צו באטראכטן דעם חסד ה' צו די וועלט; צו פאקטיש ווערן אויפמערקזאם צו דער גרויסער האנט פון באשעפער וואס שפייזט די מענטשהייט א גאנצע צייט. און דאן, ווען עס ערוועקט זיך אין דיר אביסל פון די אנערקענונג – אפילו אויב ס'איז א שוואכע און מאגערע אנערקענונג – דארפסטו אנהייבן צו אויספירן אט די געוואלדיגע הנהגות אין דיין אייגן לעבן, פונקט ווי אברהם אבינו און רבקה אמנו האבן געטון.

אייגנטליך, יעדער האט די געלעגנהייט צו פראקטיצירן צו נאכגיין די וועגן פון באשעפער צו יעדע צייט! פראביר עס אינדערהיים. ווען דו שטרעקסט אויס דיין האנט און דו געבסט אביסל עסן צו איינעם, טראכסטו, 'דאס איז פותח את ידך, דאס איז די גרויסע האנט פון באשעפער וואס ווערט אויסגעשטרעקט; ס'איז נאר אז איך האב די זכי' יעצט אז דער געוואלדיגע הנהגה פון באשעפער צו שפייזן די וועלט ווערט אויסגעדריקט דורך מיין קליינע שוואכע מענטשליכע האנט.'

ס'איז וויכטיג עס צו האלטן אין געדאנק אז ווען דו געבסט עסן צו דיינע געסט אדער דו דערלאנגסט א גלאז מילך צו א משולח; זאלסטו דאס טראכטן. דו זאלסט טראכטן, 'איך טו דעם שליחות פון באשעפער. מיין האנט איז ווי זיין האנט, איך טו נאכמאכן די געוואלדיגע פעולה וואס דער באשעפער טוט צו די וועלט; איינע פון די אויסערגעווענליכסטע זאכן אין די גאנצע בריאה.'

## צווישן די משפחה

פיל מענטשן זענען זייער פארנומען מיט זייער אייגענע משפחה, זיי קענען נישט זיין פארנומען מיט פרעמדע געסט א גאנצע צייט. מ'דארף אפוועגן איינס קעגן צווייטן. אויב דארפסטו גיין צו די ארבעט, דאן איז דיין פליכט אין הכנסת אורחים צו דיין ווייב און קינדער. דו דארפסט באצאלן דירה געלט פאר זיי. דאן אפילו אויב דו האסט נישט אין דיין שטוב קיין וואנדערער, ווען דו דערלאנגסט א גלאז מילך צו דיין קינד, טראכט דעם זעלבן געדאנק: 'איך טו דאס נישט צוליב אן אומדורכגעטראכטע רעאקציע צו אן אינסטינקט פון שפייזן מיינע קינדער. איך טו דאס ווייל מיין האנט איז ווי די האנט פון באשעפער.'

אויב ביסטו א בחור וואס וואוינט אליין, ווען דו ברענגסט צו א שטיקל עסנווארג צו דיינע אייגענע ליפן, טראכט אז דו טוסט נאך דעם באשעפער דורך שפייזן זיך אליין! און דאס איז נישט קיין איבערגעטריבענער מהלך, ווייל ווען הלל איז ארויס פון בית המדרש אינדערפרי האבן אים זיינע תלמידים געפרעגט, "וואו גייט איר?" האט ער געענטפערט, "**לגמול חסד עם הדין אכסניא** — איך גיי טון חסד מיט די ארעמע אכסניא אין וואס איך האלט זיך אויף" (ויקרא רבה, בהר). ער האט געמיינט צו זאגן אז ער גייט עסן פרישטאג. דאס באדייט, אז צו עסן פרישטאג איז אויך א גמילת חסד. אלזא, קען מען טראכטן די געוואלדיגע מחשבה אויך ווען מ'זיצט אליין און מ'עסט פרישטאג. דו ביסט אויך א וואנדערער אויף די וועלט און דיין האנט איז ווי די האנט פון באשעפער. פראביר דאס אויס היינט נאכט אדער מארגן אינדערפרי; פראקטיציר עס.

## א פארשפיל צו גרויסקייט

פראקטיציר דאס ווייל דאס איז א פארשפיל צו גרויסקייט. דאס איז וואס אונזערע חכמים האבן געזאגט. אין מסכת סנהדרין (קד.) לערנען אונז חז"ל איבער דעם ענין: **גדולה לגימה** — ווי גרויס איז א לגימה? לגימה מיינט א זופ פון א טרונק אדער א ביס פון אן עסנווארג וואס מ'געבט פאר א צווייטן. עס מוז נישט זיין קיין באנקעט; בלויז א קלייניקייט פון עפעס, צו נאכמאכן דעם חסד ה'.

"ווי גרויס איז צו שפייזן איינעם מיט עפעס אדער צו געבן פאר איינעם א טרונק?" פרעגט די גמרא, "**שמקרבת את הרחוקים** — עס איז אזוי גרויס אז עס דערנענטערט די ווייטע." מענטשן וואס וואלטן אן דעם געבליבן דערווייטערט ווערן נאנט; זיי ווערן געברענגט נענטער צו שלימות און זיי ווערן גרויס צוליב די איינע גוטע מעשה וואס זיי האבן געטון, אז זיי האבן געשפייזט א וואנדערער.

און דאס איז דער גרויסער לימוד פון אונזער פרשה. א קליין מיידל, ווייט אוועק אין א פרעמד לאנד, איז דערנענטערט געווארן — זי האט ארויפגעשפאנט אויף די ארענע פון היסטאריע בלויז צוליב דעם. בלויז ווייל רבקה האט אנערקענט אין דעם חסד פון באשעפער צו די וועלט, זיין אויסערגעווענליכער חסד צו שפייזן די וועלט, און זי האט עס גענומען אויף זיך צו נאכמאכן דעם באשעפער דורך געבן עסן צו וואנדערער, דאס איז די סיבה פארוואס זי איז געווארן די מאמע פון אונזער פאלק אויף אייביג.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**איז עס אין ארדענונג צו שפילן ביליארדס, צי אין דער ביליארדס זאל אדער אינדערהיים?**

### תשובה:

אויב גייסטו נישט צו די ביליארד שפילערייען, דארפסטו וויסן אז עס שטייט אין תהלים דאס פאלגנדע איבער דיר: **אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב** — געליבט איז דער מענטש וואס איז נישט געגאנגען נאך די עצה פון די רשעים און אויף די וועגן פון די זינדיגע איז ער נישט געשטאנען און אין א זיצונג פון לצים איז ער נישט געזעסן״ (תהלים א:א). א פלאץ פון לצים איז נישט קיין ארט פאר א איד צו זיין. א ביליארד זאל איז א פלאץ פון לצים. מענטשן וואס פארברענגען זייער פרייע צייט צו שפילן ביליארדס מאכן לצנות פון דעם צוועק פון לעבן. אפילו, לאמיר זאגן, דו גייסט בלויז פאר הנאה. דו מיינסט נישט קיין שום שלעכטס. דאך, אויב דו שטייסט צווישן לצים דארפסטו וויסן אז דו ווערסט א לץ. דו קענסט דאס נישט אפהאלטן. דו ביסט וואס דיין סביבה איז. געדענק וואס איך זאג דיר דא — דו ביסט וואס דיין סביבה איז!

אלזא, אויב דו טוסט עס פאר פרנסה, קענסטו זיך נישט העלפן. לאמיר זאגן דו ביסט א פלאמבער און דו ביסט גערופן געווארן צו פארריכטן דעם בית הכסא אין די ביליארדס זאל. גוט, וואס קענסטו שוין טון?! דו מוזט אריבערגיין. אבער אויב דו באשליסט צו גיין דארט, דאן זאגט דער באשעפער, ״דו ווערסט באצייכנט לויט די סביבה וואס די קלייבסט אויס. ״**אשרי האיש אשר לא הלך**...״ אויסדריקליך, ס׳איז נישט ריכטיג צו גיין צו די ביליארדס!

למעשה, אויב ווילסטו שפילן ביליארדס אינדערהיים? פארוואס שפילן ביליארדס? עס זענען דא בעסערע זאכן וואס דו קענסט טון. אבער דו ווילסט שפילן ביליארדס? גוט, קען זיין. אבער וואס איז מיט אויסניצן בעסער די צייט פאר עפעס ווערדפול? איך וואלט געזאגט, בעסער כאפ א שפאציר. דו קענסט נישט גיין ביינאכט ווייל ס׳איז געפארפול צו גיין אויפ׳ן גאס? איז שפאציר אין דיין דירה אהין און צוריק. עפן די פענסטערס אין דיין הויז אז עס זאל אריינקומען פרישע לופט און שפאציר אהין און צוריק, אהין און צוריק, אהין און צוריק. דאס איז גוטע איבונגען. ס׳איז פיל בעסערע איבונגען ווי צו שפילן ביליארדס. שפילן ביליארדס מיינט אז דו מאכסט נאך די גויים. פארוואס זאלסטו נאכמאכן די גויים?! בעסער מאך איבונגען. דיינע פיס רירן זיך ווען דו שפאצירסט און דיין גאנצער קערפער האט גוטע איבונגען. ס׳איז פיל געזונטער פאר דיר אויב דו שפאצירסט ארום אין דיין הויז אהין און צוריק. פיל געזונטער ווי צו שפילן ביליארדס.

**פרנס השבוע לשאלות ותשובות**

לע״נ הרבנית עטל בת ר׳ שמואל ע״ה

ת. נ. צ. ב. ה.

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש